IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**אַ נאַריש קינד • A Foolish Child**

by **Jacob Dinezon**, translation by Mindy Liberman

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (October 2023)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/a-foolish-child]

# אַ נאַריש קינד

# A Foolish Child

Jacob Dinezon
translated by Mindy Liberman

**Introduction:** On April 7, 1912, *Der fraynd* (*The Friend*), the first Yiddish daily newspaper in the Russian Empire, celebrated its tenth anniversary with a special supplement. On the newspaper's front page, *Der fraynd* announced the lead author of that supplement. Today, we might think the top honor would have gone to Mendele, Peretz, or Sholem Aleichem, whose works all graced the publication's pages over the years. But the byline, along with a jaunty portrait of him sitting in a wicker chair, was the renowned and beloved Yiddish author Jacob Dinezon.

Dinezon, considered the first bestselling Yiddish novelist for his 1877 debut romance, *Ha-Ne'ehavim veha-ne'imim, oder Der shvartser yingermantshik* (*The Dark Young Man*), was a prolific contributor to *Der fraynd* during its first few years of publication. Appearing alongside the most prominent Yiddish authors of his day, Dinezon provided articles, short stories, and the serialized installments to four novels. Although his publishing output diminished following the failed Russian Revolution of 1905, Dinezon remained a respected participant in Warsaw's literary community. Tens of thousands attended his funeral; he is buried in Ohel Peretz next to Peretz and S. An-ski.

Like many of his contemporaries, Dinezon had a thorough yeshiva education. And again, like many of his contemporaries, he first published in Hebrew. In the mid 1870s, while teaching at a Talmud Torah, he made the decision to write in Yiddish in order to reach less educated readers such as the parents of his pupils. He wrote several natural science brochures in Yiddish before turning to literary fiction.

Dinezon's stories were often based on personal experiences. He never married, but grew up with four older sisters. After moving to Warsaw, he lived in a room in the apartment of one of his sisters for thirty years, and was very close to her family. *A narish kind (A Foolish Child)* is a story one may not expect from a bachelor, nor a natural candidate to be featured in a special Jubilee edition of a major newspaper. This slice-of-life story about a small girl trying to cope with the swirling activity surrounding the difficult

arrival of a new baby, and an old-fashioned grandmother reluctant to explain what is actually happening, takes place in a cozy woman's world, with no men in sight.

Childbirth as seen from a child's perspective can be found as a theme in a number of places in Hebrew and Yiddish literature. Among them are the short stories "The New World" by Esther Kreitman, translated by Barbara Harshav, in *Found Treasures: Stories by Yiddish Women Writers*; "The First Day" by Dvora Baron, translated by Naomi Seidman with Chana Kronfeld, in *First Day and Other Stories*; and the autobiographical novel *Dineh* by Ida Maze, translated by Yermiyahu Ahron Taub. All are told in first person by female narrators who imagine or relate the true stories of their own birth. In every case, some or all of the family members clearly express their disappointment at the arrival of a daughter. In "The First Day," the girl's grandmother makes no effort to hide her displeasure from even the new mother: "'Did you hear that? Big deal, so she'll catch cold,' squeaked the rebbetzin of Tokhanovka in her felt shoes, gathering the various pastries that had been prepared for the circumcision to return them to the bakery." But the rebbetzin's son, the baby's father, gently sings to the baby and rocks her.

Another Yiddish story told from the perspective of a little girl awaiting a new sibling is "My Mother's Dream" by Sarah Hamer-Jacklyn, translated by Frieda Forman and Ethel Raicus, also in *Found Treasures*. As in *A Foolish Child* we find a loving middle class family, a grandmother, and a young girl praying for a brother, although not for the same reasons as Reyzele. Here the girl's father and grandfather play prominent and caring roles. The ending is dark, and far from the outcome we wish for Reyzele's mother.

For readers of that time, "A Foolish Child" was certainly in line with Dinezon's lifelong concern for children and women. During the First World War, Dinezon and his close friend Peretz founded the first homes in Warsaw for Jewish children who had been orphaned and abandoned during the war. In his later years, he devoted himself entirely to working for Jewish children's homes and schools, eventually becoming one of the main advocates for the Polish Yiddishist schools. His 1899 novel, *Yosele*, about the tragic life of an impoverished cheder student, is credited with helping to transform Jewish elementary education at the turn of the twentieth century. In "A narish kind," we see Dinezon advocating for treating children with dignity and respect. He recognizes that the experience of childbirth can be traumatizing to children, and encourages the reader to offer comfort and information rather than scoldings and dismissal.

While Dinezon's letters to colleagues were full of biblical quotations, he clearly altered his writing style so that the stories would appeal to a less educated audience. The Yiddish is straightforward with almost no words derived from Hebrew, and very few idioms. One for which I was unable to formulate an exact translation was מיר פֿאַר דײַן מינדסטן נעגעלע (*mir far dayn mindstn negele*) spoken by Reyzele's grandmother to her when the child is upset. The literal meaning is something like "me for your smallest fingernail."

The intention is “I would do anything for you.” I have translated it here as "you are the apple of my eye."[1]

Reyzele’s grandmother also says: וועט דאָס צום שידוך אונדז ביידן גאָר ניט שאָדן (*Vet dos tsum shidekh unz beydn gor nit shodn*), a common expression translated literally as “it won't spoil the offer of marriage for either of us." (Ignatz Bernstein, in *Yidishe shprikhverter un rednartsn* (1908), explains it as a phrase used to console young people who might worry themselves sick if they've made the smallest mistake.) I tried to find an equally colorful idiom in English, but had to settle for “none the worse.”

As always, choices had to be made between transliteration or translating to English. Sabbath, Auntie, Mother Eve, Garden of Eden seemed suitable in order to avoid a feeling of nostalgia for life in the Old Country. On the other hand, I kept *Babtse* and *Mameshi* for flavor. *Babtse* is a variation of *babcia*, the Polish term for grandmother, and *Mameshi* is so much more affectionate than Mama or *Mame*.

*I would like to thank Ellen Caplan, Scott Hilton Davis, and the Yidforsh community for their support.*

[1] *The Taste of Yiddish, a Warm and Humorous Guide to a Fascinating Language* by Lillian Merman Feinsilver lists an expression with a similar syntax: *Mir zol zayn far dir*, translated as “May your hurt be mine" or “Let me suffer for you (a mother offering sympathy to a child who has hurt himself.)” The entry adds “This readiness of the simple Jewish mother to suffer for her child has roots in Ancient Hebrew feeling as can be seen in the story of David and Absalom (II Samuel 18:33): “... O my son Absalom! Would God I had died for thee, O Absalom, my son, my son!” Nahum Stutchkoff’s *Der oytser fun der yidisher shprakh*, p.14, suggests that *mindstn negele* refers to something very small.

# A Foolish Child

Reyzele, a small girl, not quite six years old, can't make sense of anything in the house today.

Other days, as soon as Reyzele opens her eyes in the morning and calls out "Mameshi!" her mother comes right away and helps her get out of bed, dress, and wash. Today, Reyzele has already cried out, "Mameshi, Mameshi," several times, but her Mameshi neither comes nor answers.

It's Auntie Eydle who enters the child's room. Why is Auntie Eydle here so early? And today isn't even the Sabbath, when Auntie Eydle doesn't have to stand in her store measuring chintz and linen, and can come to visit Mameshi. What brings her here today?

It's clear to Reyzele that today is not the Sabbath because there's Yokhe the cook, standing at the stove—cooking. Reyzele knows that Yokhe would never cook on the Sabbath for all the gold in the world. She heard it from Yokhe herself. "Should anyone come along—a dog, the devil—" Reyzele remembers Yokhe boasting, "and say, 'Here's a million, take it and cook me a Sabbath lunch,' I would say, 'Fool, get out with your million. In the name of God, I won't sell my soul for money!'"

And anyway, can't Reyzele tell that today isn't the Sabbath? On the Sabbath, the house looks entirely different. Even outside on the street, you could tell. People would be dressed in their Sabbath best. But today everyone is wearing weekday clothing. Auntie Eydle, too. So why is Auntie Eydle here?

Reyzele is bewildered and frightened by the hustle and bustle in the house. Every few minutes someone runs from her mother's bedroom into the kitchen, and from the kitchen back into the bedroom. Everyone whispers, speaking in low voices without spelling anything out, as if they don't want her — Reyzele — to hear them and understand.

Reyzele grows uneasy and runs to the bedroom to see if her Mameshi is still asleep, or already awake. But at the door Reyzele meets a stranger dressed in a white linen coat or maybe an apron, and her head, too, is wrapped in white linen. She blocks the entrance and says: "Go back wherever you came from, my child. We don't need you here right now."

"Who is she to keep me from seeing my beloved Mameshi?" Reyzele wants to ask, but just then, she notices the same stranger giving orders to everyone in the house: whatever she tells them to do, they do promptly, and no one says a word. Still, Reyzele wants to show the stranger that she's not afraid, and tries to force her way into her

mother's room. The stranger doesn't bat an eyelash, and pushes Reyzele back out before she can even get a chance to see what her mother is doing.

Ashamed and upset, Reyzele stays by the door and blinks back tears.

Soon her Babtse Gitele comes out of the bedroom. Seeing the child cry, she goes over to Reyzele and comforts her. "My beloved child," her grandmother says, "you are the apple of my eye."

"Babtse, why did she chase me away?" the child sobs, offended.

Her anguished heart breaks and she lets loose a piercing wail.

"See what a foolish child you are," her grandmother consoles her. "She chased me out too, and you don't see me crying. If your dear mother overcomes this trouble and regains her health, we'll both be none the worse for it.

In the meantime, a strange scream is heard from her beloved mother. Reyzele freezes, and so great is her compassion for Mameshi, she forgets that her feelings have been hurt. "Come, my child, don't stand here," says Babtse Gitele, practically forcing Reyzele away from the door.

The child asks anxiously, "Babtse, what's the matter with my darling Mameshi?"

"What should be the matter? What hurts is whatever must hurt, whatever needs to hurt . . . whatever hurts any woman in her condition," says her grandmother, speaking more to herself than to the innocent child.

"But what, dear Babtse?" Reyzele implores, wanting someone to tell her why her beloved Mameshi is in such pain. "Why does she moan and scream like that?"

"Look, what's your hurry?" answers her grandmother, still speaking more to herself than to the child. "Oh, you'll know, you'll know everything—I hope I live long enough, merciful Father in Heaven."

Reyzele stares at her grandmother, and wonders why her grandmother seems different today, too. She talks and talks, yet she doesn't make any sense.

"Why won't my Babtse tell me what's wrong with my dear Mameshi?" the child asks, resentful.

"Suppose I tell you that she had a stomach ache, would you stop tormenting me with your childish questions?" says her grandmother at last.

"Her stomach? Her stomach?" the child repeats. Reyzele can't believe that her

Mameshi, too, can have stomach pains.

She remembers that a few days earlier, when she, Reyzele, had a stomach ache—quite a bad stomach ache—her mother said, “It’s because you did not listen to your Mameshi and ate the unripe apples, the ones I gave you to play with, not to eat.”

“But Babtse, my Mameshi didn’t eat any unripe apples. Why does her stomach hurt?” the child insists.

“You’re right, she didn’t eat any apples. But Mother Eve already ate them for her!” answers her grandmother, and doesn’t seem to care whether or not the child understands.

“Oh, if not for that cursed little apple that Mother Eve ate in the Garden of Eden, Eve’s daughters wouldn’t have to know the distress of carrying or the anguish of giving birth. If only children were born and cultivated like pretty apples on young trees, your Mameshi, my beloved child, would be healthy now, her stomach wouldn’t have hurt at all, and I would be spared from having to reply to your childish questions of ‘What?’ and ‘Why?’”

Reyzele still doesn’t understand a word of her grandmother Gitele’s chatter. She wants to repeat her question, but she hears another terrifying scream from her mother’s room. Her grandmother takes her by the hand and leads her to her own bedroom.

“Come, my child, let’s ask our merciful God to give your mother strength to endure the pains and to send her a remedy. And you, my child, ask Him to send you a little brother or sister who will live many long years with much joy and happiness.”

In her room, Babtse Gitele teaches Reyzele how to pray to God and what to pray for. And with hands folded, as when her Mameshi says the blessing with her every morning, Reyzele stands and prays to God to send a real cure to her beloved mother from his Holy Heavens, and to send her, Reyzele, a little, living brother or sister, and may he or she live for many, many years.

“Babtse, I’d rather have a little brother,” the child states. “I hope God sends me a little brother.”

“Whatever He sends will certainly be dear to us, my child—it must be dear to us. We don’t question God’s gifts. But,” the old woman says fervently, “may it be quicker, easier, and without too much pain and suffering.”

Reyzele, however, holds firm, and asks God to send down nothing other than a little brother from Heaven.

And Reyzele imagines that soon the door will open and a messenger from Heaven will enter. In one hand he'll hold a small bottle of medicine, and in the other, a pretty box with a small cushion inside. And on the cushion — a little boy, small but beautiful, with bright blue eyes.

"God has sent this little bottle for your sick Mameshi," the messenger from Heaven will say. "Let her drink all of the medicine, and she'll soon be healthy again. And the little boy in the box – God has sent him to be your brother. Love him and take care of him. Give him to your Mameshi, too; she's earned him! Good day!" Then the heavenly messenger will spread a pair of large wings from under his overcoat and fly back up to Heaven, to God.

Altogether pleased with the conjurings of her childish imagination, Reyzele forgets for a few minutes that her beloved Mameshi still suffers stomach pains. She starts to sing and even dance for joy.

Meanwhile, her grandmother Gitele sits reciting the prayer for difficult childbirths. She asks God to help the laboring woman in her time of need, in the merit of her never having forgotten to separate the challah dough, light candles, or keep all the womanly laws. May God, from his Heaven Above, alleviate her labor pains so that everything happens peacefully and she lives a long life.

And large tears drop from the old woman's eyes and fall onto the yellowed pages of the prayer book, soaked with tears for grandchildren that God had granted her long ago.

Reyzele doesn't notice and sings a little lullaby to herself, the same way she will sing to sleep the little brother God would soon send.

"A child remains a child!" her grandmother exclaims, annoyed at Reyzele's singing.

"What do you have to sing about, silly child?" her grandmother cuts off her song. "I told you to pray to God for your beloved Mameshi, and you take to singing!"

"Babtse, I already prayed to Him. You saw yourself how I prayed to Him!" the child responds.

"Yes, my child, it's true, you did pray to Him earlier," her grandmother explains. "But once is not enough for our merciful God. We have to pray every minute, every hour!"

"Babtse, does He forget so soon?" Reyzele asks.

"What are you saying? Foolish child, do you hear what you're saying?"

“Why is my Babtse angry?” Reyzele wonders. “I didn’t even say anything!”

“What should I say to you? You are a foolish child, and that’s that!” her grandmother declares, and refuses to engage in any further speculation.

# אַ נאַריש קינד

רייזעלע, דאָס קליינע, קוים זעקסיעריקע, מיידעלע קאָן הײַנט גאָר נישט פֿאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך אין שטוב.

אַלע מאָל, ווען רייזעלע עפֿנט נאָר די אייגעלעך אין דער פֿרי און טוט אַ רוף: „מאַמעשי!“ – קומט די מאַמעשי באַלד אַרײַן, העלפֿט איר אויפֿשטיין, אָנטאָן און וואַשן זיך. הײַנט האָט שוין רייזעלע עטלעכע מאָל געווען און געשריִען: „מאַמעשי, מאַמעשי!“ און די מאַמעשי, נישט זי קומט אַרײַן און נישט זי רופֿט זיך אָפּ אַפֿילו.

אַרײַנגעקומען צו איר אין קינדער־צימער איז גאָר די מומע איידלע. ווי קומט די מומע איידלע אַזוי פֿרי אַהער? און הײַנט איז דאָך אַפֿילו ניט שבת, ווען די מומע איידלע ברויך ניט שטיין אין איר קראָם, מעסטן ציץ און לײַוונט, און קאָן קומען צו גאַסט צו דער מאַמעשין, ווי קומט זי עפּעס הײַנט?

און אַז הײַנט איז ניט שבת האָט רייזעלע אַ קלאָרן סימן: אָן שטייט דאָך יאָכע די קעכין בײַ דער קיך און קאָכט עפּעס. שבת וואָלט יאָכע אַליין ניט קאָכן, ווייסט רייזעלע, פֿאַר קיין געלט אין דער וועלט נישט. זי האָט עס פֿון יאָכען אַליין געהערט: „ווען איינער קומט,“ געדענקט רייזעלע, ווי יאָכע האָט זיך באַרימט – „און זאָגט: יאָכע – הונט, טײַוול – נאַ, אָט האָסטו אַ מיליאָן, נעם און קאָך מיר אָפּ אַ מיטאָג אום שבת, וואָלט איך זאָגן: נאַרישער מענטש, גייט אײַך, מיט אײַער מיליאָן אין גאָטס נאָמען, איך וועל מײַן נשמה נישט פֿאַרקויפֿן פֿאַר קיין געלט.“

און גלאַט אַזוי, דערקענט דען רייזעלע ניט, אַז הײַנט איז ניט שבת? שבת זעט די שטוב גאָר אַנדערש אויס. אַפֿילו די גאַס, דער דרויסן איז שבתדיק, מען גייט אָנגעטאָן אין שבתדיקן, הײַנט אָבער גייען אַלע אין וואָכנדיקן, די מומע איידלע אויך, טאָ ווי קומט זי הײַנט עפּעס אַהער, די מומע איידלע?

נאָך מער וווּנדערט זי און שרעקט זי כּמעט, וואָס עס רודערט זיך עפּעס אין שטוב. מען לויפֿט איטלעכע רגע פֿון דער מאַמעס שלאָפֿצימער אין קיך, פֿון קיך צוריק אין שלאָפֿצימער, און עפּעס סודעט מען זיך, מען רעדט אַזוי שטיל, אויפֿן ווּנק, גלײַך ווי מען וויל ניט, אַז זי, רייזעלע, זאָל הערן און פֿאַרשטיין, וואָס מען רעדט.

עס באַפֿאַלט רייזעלען אַן אַנגסט, און זי לויפֿט צום שלאָפֿצימער, אַ קוק טאָן, צי די מאַמעשי אירע שלאָפֿט טאַקע נאָך, צי זי איז שוין וואַך. בײַ דער טיר אָבער באַגעגנט רייזעלען עפּעס איינע אַ פֿרעמדע, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן לײַוונטענעם קיטל, אָדער פֿאַרטעך, דער קאָפּ אַרומגעבונדן אויך מיט אַזאַ ווײַסן לײַוונט, וועלכע פֿאַרשטעלט רייזעלען דעם אַרײַנגאַנג, און זאָגט:

„גיי, מײַן קינד, פֿון וואַנען דו ביסט געקומען, מען דאַרף דיך דאָ אַצינד ניט.“

„ווער איז זי? וואָס פֿאַר אַ דעה האָט זי, נישט אַרײַנצולאָזן מיך צו מײַן ליבער מאַמעשין?“ ווילט זיך רייזעלען פֿרעגן, נאָר אין דער רגע באַמערקט זי, ווי די אייגענע פֿרעמדע שאַפֿט זיך מיט אַלעמען אין שטוב און וואָס נאָר זי הייסט טאָן, טוט מען באַלד, און מען רעדט גאָר אַ וואָרט נישט איבער. רייזעלען אָבער ווילט זיך ווײַזן דער פֿרעמדער, אַז זי האָט פֿאַר איר קיין מורא ניט און פּרוּווט זיך אַרײַנרײַסן צו דער מאַמעשין איבער גוואַלד. די פֿרעמדע אָבער צערעמאָניעט זיך ניט מיט איר, און שטויסט רייזעלען צוריק אַרויס, נאָך איידער זי האָט אַפֿילו אַ קוק געטאָן, וואָס טוט די מאַמעשי.

רייזעלע בלײַבט שטיין פֿון דער זײַט, פֿאַרשעמט און פֿאַרקלעמט. און טרערן ווײַזן זיך אין אירע אייגעלעך.

באַלד קומט אַרויס די באַבצע גיטעלע פֿון שלאָפֿצימער, גייט צו צו רייזעלען, באַרויִקט זי: „מיר פֿאַר דײַן מינדסט נעגעלע, מײַן טײַער קינד,“ רעדט די באַבצע אַרויס, דערזעענדיק, ווי דאָס קינד שטייט פֿאַרקלעמט, מיט אויגן פֿול טרערן.

„באַבצע,“ כליפּעט דאָס קינד אַרויס איר באַליידיקונג, „פֿאַר וואָס האָט זי מיך אַרויסגעטריבן?“

עס עפֿנט זיך דאָס פֿאַרקלעמטע הערצל בײַם קינד און זי ברעכט אויס מיט אַ העפֿטיקן געוויין.

„זע נאָר, וואָס פֿאַר אַ נאַריש קינד דו ביסט,“ טרייסט די באַבצע, „מיך אַליין האָט מען דאָך אויך אַרויסגעטריבן און איך וויין גאָר ניט!... זאָל נאָר, מײַן קינד, די ליבע מאַמעשי דײַנע דאָס פעקל איבערקומען און געזונט ווערן, וועט דאָס צום שידוך אונדז ביידן גאָר ניט שאַדן!“

דערווײַל האָט זיך דערהערט עפּעס אַ ניט־געוויינלעך געשריי פֿון דער ליבער מאַמעשין. רייזעלע איז אַ פֿאַרציטערטע געוואָרן, און פֿון גרויס רחמנות אויף דער מאַמעשין האָט זי איר אייגענע באַליידיקונג פֿאַרגעסן.

„קום, מײַן קינד, שטיי דאָ ניט,“ האָט די באַבצע זי פֿון שלאָפֿצימער ווי איבער גוואַלד אַוועקגעפֿירט.

„באַבצע, וואָס טוט ווי דער ליבער מאַמעשין?“ פֿרעגט דאָס קינד מיט אַנגסט.

„וואָס זאָל איר ווי טאָן? עס טוט איר ווי, וואָס דאַרף ווי טאָן, וואָס מוז ווי טאָן ... וואָס טוט ווי איטלעכער אישה אין איר לאַגע...“ ענטפֿערט די באַבצע, ריידנדיק צו זיך, מער ווי צום אומשולדיקן קינד.

„אָבער וואָס? באַבצע טײַערע!“ בעט זיך רייזעלע, מען זאָל איר זאָגן, וואָס טוט ווי דער ליבער מאַמעשין, „פֿאַר וואָס קרעכצט זי און שרײַט אַזוי?“

„זע נאָר, וואָס האָסטו שוין קיין צײַט ניט?“ ענטפֿערט די באַבצע, אַלץ נאָך ריידנדיק צו זיך, מער ווי צום קינד. „וועסט נאָך וויסן, אוי, וועסטו עס נאָך וויסן, אַלץ הייסט וויסן! דערלעבן וויל איך עס נאָך, האַרציקער פֿאָטער אין הימל!“

רייזעלע קוקט אָן די באַבצען און וווּנדערט זיך, וואָס די באַבצע אַליין איז אויך הײַנט אַנדערש, ווי אַלע מאָל. עפּעס רעדט זי און רעדט, און מען קאָן גאָר ניט וויסן, וואָס זי רעדט.

„פֿאַר וואָס וויל די באַבצע מיר נישט אויסזאָגן, וואָס טוט ווי דער ליבער מאַמעשין?“ פֿרעגט דאָס קינד מיט פֿאַרדראָס.

„נו, אַז דו וועסט שוין וויסן, אַז דער בויך טוט ווי דער מאַמעשין, וועסטו שוין אויפֿהערן מיך צו מוטשען מיט דײַנע קינדישע פֿרעגעכצן?“ זאָגט שוין ענדלעך די באַבצע אַרויס נישט גערן.

„דער בויך, דער בויך?“ רעדט דאָס קינד איבער. עס גלייבט זיך רייזעלען גאָר נישט, אַז דער מאַמעשין קאָן אויך דער בויך ווי טאָן.

זי דערמאָנט זיך, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט איר, רייזעלען, ווי געטאָן דאָס בײַכעלע, שטאַרק ווי געטאָן, האָט די מאַמעשי איר דעמאָלט געזאָגט: „ דאָס איז דערפֿאַר, וואָס דו האָסט די מאַמעשין ניט געפֿאָלגט און געגעסן די ניט־צײַטיקע עפּעלעך, וואָס איך האָב דיר געגעבן נאָר צו שפּילן זיך, אָבער נישט צו עסן.“
„באַבצע, די מאַמעשי אָבער האָט דאָך קיין ניט־צײַטיקע עפּעלעך נישט געגעסן, פֿאַר וואָס טוט איר ווי דער בויך?“ פֿרעגט דאָס קינד ווידער.

„יאָ, נישט געגעסן, אָבער די מוטער חווה האָט שוין פֿאַר איר געגעסן!“ ענטפֿערט די באַבצע, און קימערט זיך גאָר נישט, צי פֿאַרשטייט דאָס קינד, וואָס זי זאָגט, צי ניט.

„אָ, ווען נישט יענץ פֿאַרשאָלטן עפּעלע, וואָס די מוטער חווה האָט אין גן־עדן געגעסן, וואָלטן חווהס טעכטער נישט באַדאַרפֿט וויסן, נישט דעם צער פֿון טראָגן, נישט די פּײַן און ווייטיקן פֿון האָבן! ווי די שיינע עפּעלעך אויף די יונגע ביימעלעך וואָלטן קינדער געבוירן געוואָרן, געוואַקסן און אויסגעהאָדעוועט זיך , און דײַן מאַמעשי, מײַן

ליב קינד, וואָלט איצט געזונט געווען, דער בויך וואָלט איר פֿאַרשפּאָרט ווײ טאָן, און איך וואָלט פֿאַרשפּאָרט תּירוצים דיר געבן אויף דײַנע קינדישע קשיות: 'וואָס','פֿאַר וואָס?' און 'פֿאַר ווען?'"

רייזעלע פֿאַרשטייט ווידער איין וואָרט נישט פֿון די גאַנצע נײַן מאָס רייד, וואָס די באַבצע גיטעלע האָט דאָ אָנגערעדט. זי וויל איבערפֿרעגן, אָבער ווידער דערהערט זיך דער מאַמעשיס אַ גוואַלדיק געשריי פֿון שלאָפֿצימער, און די באַבצע כאַפּט אָן רייזעלען פֿאַרן הענטל און פֿירט זי צו זיך אין צימער אַרײַן.

„קום, מײַן קינד, לאָמיר גאָט דעם דערבאַרעמדיקן בעטן, ער זאָל דער מאַמעשין כּוח געבן אַריבערצוטראָגן די ווייען, ער זאָל איר די רפֿואה צושיקן, און דיר, מײַן קינד, בעט אים, זאָל ער צושיקן אַ לעבעדיק ברודערל אָדער שוועסטערל, אויף לאַנגע יאָר מיט פֿיל פֿרייד און נחת."

אין חדר בײַ איר לערנט די באַבצע רייזעלען ווי גאָט צו בעטן און וואָס אים צו בעטן, און מיט צונויפֿגעלייגטע הענטלעך, ווי בעת די מאַמעשי זאָגט מיט איר „ברכה" אַלע פֿרימאָרגן, שטייט רייזעלע און בעט בײַ גאָט, ער זאָל פֿון זײַן הייליקן הימל אַראָפּשיקן דער ליבער מאַמעשין די אמתע רפֿואה, און איר, רייזעלען, זאָל ער צושיקן אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל אַ לעבעדיקס אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר.

„באַבצע, איך וויל בעסער אַ ברודערל: זאָל גאָט מיר צושיקן אַ ברודערל בעסער!" דערציילט דאָס קינד, וואָס איר געפֿעלט בעסער.

„וואָס ער וועט צושיקן, וועט אונדז שוין ליב זײַן, מײַן קינד, מוז אונדז שוין ליב זײַן! מיט גאָטס גאָב וואַרפֿט מען זיך ניט, נאָר גיכער, גרינגער און אָן איבעריקע צער און ווייטיקן!" ווינטשט זיך די אַלטע. רייזעלע אָבער האַלט זיך פֿעסט און בעט בײַ גאָט, דווקא אַ ברודערל זאָל ער איר פֿון הימל אַראָפּשיקן.

און רייזעלע שטעלט זיך פֿאָר, ווי באַלד, מסתּמא, וועט זיך עפֿענען די טיר, עס וועט אַרײַנקומען אַ הימלמענטש, אין איין האַנט וועט ער האַלטן אַ פֿלעשעלע מיט רפֿואות, און אין דער אַנדערער – אַ פּודעלע אַ שיינס מיט אַ קישעלע, און אין קישעלע וועט זײַן אַ קליין ייִנגעלע, אַ פּיצעלע, אָבער אַ שיינס, מיט ליכטיקע, בלויע אייגעלעך.

„אָט דאָס פֿלעשעלע," וועט זאָגן דער הימלמענטש, „האָט גאָט געשיקט פֿאַר דײַן קראַנקער מאַמעשין, זאָל זי די רפֿואה אויסטרינקען, וועט זי באַלד געזונט ווערן. און דאָס ייִנגעלע, וואָס אין פּודעלע, האָט גאָט דיר אַ ברודערל געשיקט, דו זאָלסט אים ליב האָבן און היטן. גיב אים אויך אָפּ דער מאַמעשין, וועט זי אים שוין אויסהאָדעווען! אַ גוטן טאָג!" וועט זאָגן דער הימלמענטש, אויסשפּרייטן אַ פּאָר גרויסע פֿליגלען פֿון אונטער זײַן פּאַלטאָ און וועט צוריק אַרויפֿפֿליִען צום הימל, צו גאָט.

שטאַרק צופֿרידן מיט דעם, וואָס איר קינדערשע פֿאַנטאַזיע האָט איר דאָ אויסגעמאָלט, פֿאַרגעסט רייזעלע אַ ווײַלע, אַז דערווײַל טוט נאָך דער ליבער מאַמעשין דער בויך ווײ, און זי צעזינגט זיך און הייבט אַפֿילו אָן צו טאַנצן פֿאַר שׂימחה.

אין דער צײַט זיצט די באַבצע גיטעלע איבער דער תּחינה פֿאַר שווערע געווינערינס, בעט גאָט, אין דעם זכות, וואָס די געווינערין פֿאַרגעסט קיין מאָל ניט חלה צו נעמען, ליכט צו בענטשן און היט אָפּ די אַלע ווײַבערשע דינים, זאָל ער, פֿון זײַן הויכן הימל, איר בײַשטיין אין איר נויט, לינדערן איר די חבֿלי־יולדה און אַלץ זאָל אַריבער בשלום און צו לאַנגע יאָר.

און טרערן, גרויסע טראָפּנס טרערן, גיסן זיך פֿון דער אַלטערס אויגן און פֿאַלן איבער די געלע תּחינה־בלעטלעך, וועלכע זענען שוין געווען אָנגעזאַפּט מיט אַזעלכע טרערן צוליב אירע פֿריִערדיקע אייניקלעך, וואָס גאָט האָט איר שוין ביז אַהער לאַנג געשענקט.

רייזעלע באַמערקט עס גאָר ניט, זינגט זיך אַ לידעלע ווי זי וועט פֿאַרשלעפֿערן דאָס ברודערל, וואָס גאָט

וועט איר באַלד צושיקן.

„אַ קינד בלײַבט אַ קינד!“ רעדט אַרויס די באַבצע פֿאַרדריסלעך, וואָס רייזעלע האָט זיך גאָר צעזונגען.

„וואָס האָסטו זיך דאָ אַזוי צעזונגען, דו נאַריש קינד איינס?“ שלאָגט איר איבער די באַבצע דאָס געזאַנג, „איך האָב דיר דאָך געהייסן גאָט בעטן פֿאַר דער ליבער מאַמעשין, נעמסטו און צעזינגסט זיך גאָר!“

„איך האָב אים דאָך שוין געבעטן, די באַבצע האָט דאָך אַליין געזען, ווי איך האָב אים געבעטן!“ פֿאַרענטפֿערט זיך דאָס קינד.

„יאָ, מײַן קינד, אמת, דו האָסט אים שוין אַ מאָל געבעטן,“ דערקלערט די באַבצע, „אָבער גאָט דעם דערבאַרעמדיקן איז ווייניק איין מאָל בעטן. איטלעכע שעה, איטלעכע רגע מוזן מיר אים בעטן!“

„באַבצע, ער פֿאַרגעסט באַלד?“ פֿרעגט רייזעלע.

„וואָס רעדסטו? נאַריש קינד, דו הערסט דאָך גאָר נישט, וואָס די צונג דײַנע רעדט אַרויס!“

„וואָס איז די באַבצע ברוגז? איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט!“ וווּנדערט זיך רייזעלע.

„וואָס זאָל איך מיט דיר ריידן, ביסט אַ נאַריש קינד, און ווײַטער גאָרנישט!“ פּסקנט אָפּ די באַבצע און וויל שוין מיט רייזעלען מער אין קיין חקירות זיך נישט אַרײַנלאָזן.